בעזהשי"ת

# פון רבי'נס קוואל

געקליבענע מאמרים ארויסגענומען פון די ספרים פון הייליגן רבי'ן - **נחל נובע מקור חכמה** - רבינו **נחמן מברסלב** זי"ע

• עצות, התעוררות, און התחזקות פאר יעדן מענטש איינציג - וויאזוי זיך צו דערהאלטן מיט אמונה, שמחה, און עבודת השי"ת בתמימות, אין יעדן מצב, גוט - אדער ח"ו פארקערט, ברוחניות ובגשמיות.

• די גרויסע תועלת פון זיין מקורב צום צדיק אמת, וואס ער לערנט, באגלייט, און העלפט אונז מקיים זיין זיינע וואונדערליכע עצות, וואס דורך דעם וועלן מיר זוכה זיין אינגיכן צו די גאולה שלימה ב"ב.

**פרשת בהר בחקותי** - תש"פ - גליון קצ"א

## דער עיקר בחירה איז אויף "תפלה"!

עס איז באקאנט אז דער הייליגער רבי ז"ל האט אסאך גערעדט מיט אונז און אונז פיל מחזק געווען איבער די זאך פון זיך באשטימען א צייט יעדן איינציגן טאג זיך אויסצוגיסן דאס הארץ פאר'ן אויבערשטן אז מ'זאל זוכה זיין מקורב צו ווערן צו איהם, אזוי ווי דער רבי האט געזאגט מיט דעם לשון "ההתבודדות הוא מעלה עליונה וגדולה מן הכל" (זעה ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' כ"ה), און ווי דער רבי האט געזאגט אז אין אט די הנהגה איז אפהענגיג די גאנצע עהרליכקייט פון א איד, אזוי ווי מיר האבן שוין אסאך גערעדט דערוועגן.

לכאורה איז אבער שווער דא א גרויסע קשיא, ווייל מיר ווייסן דאך אז; "**הכל בידי שמים - חוץ מיראת שמים**" (מסכת ברכות דף ל"ג:) [- אלעס באקומט מען פון אויבן, אויסער יראת שמים, וואס אויף דעם דארף זיך דער מענטש אליין פלאגן]! איז וויאזוי איז שייך 'תפלה' אויף 'רוחניות' - נאכדעם וואס דער אויבערשטער האט דאך איבערגעגעבן די בחירה אין אונזערע הענט?

די קשיא הייבט זיך אהן נאך אסאך פריער, נאך וואס מיר טרעפן שוין פון פריער אזעלכע סארט תפלות, וועגן ניצול צו ווערן פון די הענט פונעם יצר הרע, און זוכה זיין מקורב צו ווערן צו השי"ת, אזוי ווי מיר זעהען אין דעם 'ספר תהלים' וועלכער איז פול מיט אזעלכע סארט בקשות, און אזוי אויך די תפלות וואס די 'אנשי כנסת הגדולה' האבן מתקן געווען פאר אונז איבער די ענין פון תשובה און התקרבות צום אויבערשטן, אזוי ווי די ברכה פון 'השיבנו' און 'אהבה רבה' אד"ג. און אזוי אויך אין די גמרא און אין מדרשים טרעפן מיר אזעלכע תפלות וואס די תנאים ואמוראים האבן מתפלל געווען, (זעה מס' ברכות סוף פרק היה קורא). וואס אויף דעם אלעם איז אויך שווער אט די אויבנדערמאנטע קשיא; וויאזוי איז שייך מתפלל צו זיין אויף א זאך וואס דער אויבערשטער האט עס איבערגעגעבן אין אונזערע הענט?

נאר דער אמת'ער תירוץ דערויף איז - ווי רבי נתן ז"ל טוהט אונז ערקלערן - אז וויבאלד דער מענטש קען אנדערש נישט זוכה זיין צוצוקומען בשלימות צו וואס מען דארף צוקומען, נאר דורכ'ן מרבה זיין דערויף מיט תפלות ובקשות, און אסאך שרייען און זיך אויסשמועסן מיט'ן אייבערשטן מיט כל-מיני 'טענות' און 'אויסריידן' פאר וואס השי"ת דארף איהם צוהעלפן דערצו, דעריבער איז דאס אליין די בחירה! אז דער מענטש זאל בוחר זיין צו גיין אויף דעם וועג פון עוסק זיין אין תפלות ותחנונים אויף זיין מצב אין עבודת השם!

רבי נתן גיבט אונז א טיפערע הסבר איבער דעם ענין; אז זיכער ליגט אויפ'ן מענטש דער פליכט צו טוהן אלעס מעגליך צו אנטלויפן פון שלעכטס און זיך ציהען צו עהרליכקייט און קדושה - לויט זיין בחירה, אבער עס איז דא אמאל וואס ס'איז זיך מתגבר זיין אויפ'ן מענטשן אזא מין 'יצר הרע' וואס קומט פון גאר א טיפע קליפה וואס רופט זיך "חלל הפנוי", וואס דאס איז די שורש פון אלע קליפות און תאוות רעות פון דער וועלט, און אויף דעם יצר הרע העלפט נישט קיין שום 'דעת' וואס דער מענטש איז ממשיך אויף זיך דורך זיינע אייגענע מעשים טובים, נאר ער מוז גיין מיט די כח פון 'אמונה'! - דאס איז די בחינה פון תפלות ותחנונים צו השי"ת ניצול צו ווערן פון דעם, אזוי ווי די גמרא זאגט (מסכת סוכה דף נ"ב:); "**יצרו של אדם מתגבר עליו בכל יום ואלמלא הקדוש ברוך הוא עוזרו, אינו יכול לו**"! און אט דאס אליין איז טאקע די 'בחירה'; אז דער מענטש זאל זיך מבטל זיין דעם שכל צום אויבערשטן און צו די צדיקי אמת, און 'מרבה' זיין מיט תפלות ותחנונים צו השי"ת! און כאטש דאס קוקט דאך אויס צו זיין א ⇦ ⇦ ⇦

## א ביישפיל פון 'תפלה'...

***אין די לעצטע ראש השנה פון רבי'ן, ווען ער איז שוין געווען אין אומאן, איז געווען ביי איהם זיין אייניקל רבי ישראל - דער זוהן פון זיין איידעם רבי יצחק אייזיק מ'קרעמענטשאג ז"ל, דער אייניקל איז נאך דאן געווען א קליין קינד פון ארום דריי-פיר יאר, און ביים רבי'ן איז דעמאלטס זייער שווער געווען זיין מחלה ל"ע האלטנדיג שוין נאנט צו זיין הסתלקות, האט זיך דער רבי אנגערופן צום אייניקל; "זיי מתפלל אויף מיר צום אייבערשטן אז איך זאל זיין געזונט"! האט דער אייניקל געענטפערט מיט זיין קינדערישע תמימות; "גיב מיר דיין זייגערל וועל איך דאווענען פאר דיר..."! דער רבי האט איהם דערלאנגט דעם זייגער אנרופנדיג זיך מיט א שמייכל; "זעהט איר, ער איז שוין א 'גוטער איד', ער הייסט שוין איך זאל איהם עפעס געבן פאר'ן מתפלל זיין..."!***

***דאס קינד האט עס איבערגענומען, און אזוי גייענדיג האט ער געזאגט מיט א פשוט'ע שפראך; "גא-ט גא-ט! לאז דער זיידע זיין געזונט"! די ארומיגע האבן זיך ווי פארשטייט זיך אינטערגעלאכט, האט זיך דער רבי אנגערופן און געזאגט; "אט אזוי דארף מען בעהטן פונעם אייבערשטן! וויאזוי דען איז מען מתפלל?!" ווייל די עיקר תפלה צו השי"ת דארף טאקע זיין מיט א פשיטות, אזוי ווי א קינד צו זיין טאט'ן, און ווי א מענטש רעדט צו זיין חבר!***

(חיי מוהר"ן, אות תל"ט)

**באלייכט אייער שטוב און נעמט אהיים איינס!**

⇦ גרינגע זאך, אבער דער 'בעל דבר' טוהט פארדרייען דעם קאפ מיט כל מיני בלבולים דערויף, אז על-פי-רוב איז די זאך פון התבודדות די שווערסטע זאך פאר א מענטש - מער ווי אלע מיני עבודות, דעריבער איז דאס די עיקר בחירה! און דורך דעם וואס מען איז זיך מחזק מיט אמונה, און מען איז מרבה מיט תפלות און התבודדות פאר השי"ת זוכה צו זיין צו תשובה, איז מען דורכדעם מבטל אלע קליפות, און דער אויבערשטער העלפט איהם זוכה צו זיין איהם צו דינען מיט תורה און מעשים טובים.

און אפילו אין אזא פאל ווען עס איז זיך מתגבר אויף'ן מענטש א "פשוט'ערע סארט יצר הרע", וועלכע עס קוקט איהם אויס אז ס'איז יא אין זיין בחירה זיך מתגבר צו זיין דערויף, נעמט זיך אויך בשורש פון דעם אויבנדערמאנטן גרויסן יצר הרע - פון די "חלל הפנוי", דעריבער איז דער עיקר עצה און עבודה פון א איד אויף אייביג - דער ענין פון תפלה, און דאס איז דער עיקר בחירה פונעם מענטש, און דורכדעם ווערן נמתק 'אלע מיני יצר הרע', און מ'איז זוכה צו תשובה שלימה באמת!

(**ליקוטי הלכות**, הלכות פקדון הלכה ג' אות ז' - ט')

## שאלות ותשובות
### עפ"י תורת רביה"ק ז"ל

**(מועדי ישראל - שבועות)**

**וואס איז דער ענין פון דעם הייליגן יו"ט שבועות און קבלת התורה יעדעס יאר, נאך וואס מיר האבן דאך שוין מקבל געווען די תורה הקדושה ביים בארג סיני אויף אייביג?**

עס איז דא פון רבי'ן עטליכע תורות וועלכע רעדן זיך וועגן די קדושה פונעם יו"ט שבועות, עס איז באקאנט וואס דער רבי ז"ל זאגט אין תו' ע"ג (תניינא) אז נאך וואס מיר האבן געציילט די ניין און פערציג טעג פון ספירה - וועלכע זענען קעגן די ניין און פערציג שערים פון תשובה - אין וועלכע 'מיר' דארפן תשובה טוהן פאר השי"ת, קומט דער 'פופציגסטער טאג' - דער יו"ט שבועות - וועלכע איז אנטקעגן די פופציגסטע 'שער' פון תשובה, וואס דאס איז די תשובה פון השי"ת כביכול אליינס, ווי 'ער' טוהט זיך אומקערן צו 'אונז'! דאס מיינט; דעמאלטס ווערט נתגלה אז די גאנצע התעוררות פון תשובה נעמט זיך פון השי"ת אליין, ווייל נאר ער איז דער וואס העלפט אונז זיך אויפצומאכן דאס מויל צו בענקען און בעטן תשובה צו טוהן פאר איהם, אזוי ווי עס שטייט; **תכין לבם תקשיב אזניך** [- דער אייבערשטער טוהט צוגרייטן אונזער הארץ צו רעדן פאר איהם, און דערנאך טוהט ער אליין זיך צוהערן צו דאס וואס מיר רעדן פאר איהם]! (זעה באריכות דער ענין אין ליקוטי הלכות, הל' קריאת שמע ה').

אין תורה נ"ו (אות ז') דערמאנט דער רבי וועגן די 'מקוה' פון שבועות, אז דאס איז גאר א הויכע 'דעת', און דעמאלטס בשעת די טבילת המקוה ווערט נתגלה די אור פון די 'שער החמשים' פונעם יו"ט שבועות! אזוי איז דא נאך עטליכע תורות ווי דער רבי איז מגלה פארשידענע ענינים וועגן דעם יו"ט שבועות, (זעה ליקוטי עצות, ערך שבועות וערך שלש רגלים).

אין ספר שיחות הר"ן ווערט אראפגעברענגט א קורצע שמועס פון רבי'ן ווי ער האט שטארק ארומגערעדט וועגן די גרויסקייט פונעם שיר 'אקדמות' וועלכע מ'זאגט אום יו"ט שבועות ביי קריאת התורה, ווי עס ווערט ארומגערעדט די לויב פון השי"ת און זיין אויסגעקליבענע פאלק כלל ישראל, (זעה שיחה אות רנ"ו). אויך איז אינטערסאנט צו באמערקן א סיפור וואס ווערט דערמאנט אין ספר חיי מוהר"ן, בשעת דער רבי איז געווען יו"ט שבועות אונטערוועגנס קיין ארץ ישראל, ווי דער רבי האט מעיד געווען אויף זיך שבועות פארטאגס נאך די מקוה אז ער הערט די קולות וברקים פון מתן תורה אליין! (שם אות קל"ב).

אין ליקוטי הלכות איז דא אסאך שיינע שמועסן פון רבי נתן זצ"ל בענין די יו"ט שבועות, אז מיר זענען מקבל יעדעס יאר נייע עצות און התחזקות אויף קבלת התורה פונדאסניי, מיר לערנען זיך אויס צו פארמערן מיט רצונות וכיסופין און תפלות צו השי"ת זוכה צו זיין דערנענטערט צו ווערן צו איהם, (הל' קריאת שמע ה', ועוד). מיר נעמען אין אכט וויאזוי דער אייבערשטער האט אונז שוין געהאלפן מיט אסאך חסדים נפלאים פון אייביג אהן ביז היינט, און מיט דעם כח טוהען מיר זיך מחזק זיין צו בענקען און מתפלל זיין און זיך פארלאזן אויף השי"ת אז ער וועט אונז העלפן אויף ווייטער! (הל' הכשר כלים ד', ועוד). מיר דערלערנען זיך וויאזוי צו נעמען די אלע 'מניעות' וואס מאכן זיך שטענדיג אויף די 'דברים שבקדושה', און האלטן אונז אפ פון צו ווערן דערנענטערט צום אייבערשטן, אז מיר זאלן זיי אלע איבערדרייען און זיי פארוואנדלען אלס 'כלים' און 'געצייג' אריינצונעמען אין זיך די 'שפע רוחני' וואס איז אנגעגרייט פאר אונז - דורכדעם וואס מיר טוהען זיך מתגבר זיין קעגן די אלע 'מניעות' מיט מער רצונות וכיסופין אהן אויפהער! (הל' חזקת מטלטלין ד', ועוד). און אזוי איז דא נאך אסאך שיינע שמועסן וועגן די גרויסקייט פון יו"ט שבועות, [זעה מער אין ספר אוצר היראה, ערך שבועות]. אויך אין די בריוו איז דא ווי רבי נתן איז מעורר בעפאר שבועות מתפלל צו זיין און אסאך בענקען זוכה צו זיין צו די קדושה פון שבועות - און אין די זעלבע צייט זיך אויך מתגבר זיין צו זיין 'בשמחה' וואס דאס איז די כלי פאר קבלת התורה! (עלים לתרופה - מכתבי מוהרנ"ת, יום ה' במדבר תקצ"א, יום א' נשא תקצ"ד, ועוד).

צו באמערקן, אז יו"ט שבועות איז געווען פון די באשטימטע זמנים ווען מ'פלעגט זיך צוזאמקומען ביים רבי'ן, און דער רבי פלעגט מגלה זיין דעמאלטס זיינע הויכע תורות, אזוי ווי עס איז געדרוקט אין ליקוטי מוהר"ן, (חיי מוהר"ן אות קכ"ו. זעה אויך דארט אין אות ש"צ א וואונדערליכע סיפור ווי דער רבי האט בשעת'ן זאגן תורה ממשיך געווען א רפואה פאר א חולה מסוכן פון איינעם פון זיינע מענטשן). אויך ביי רבי נתן איז דער יו"ט געווען פון די באשטימטע צייטן ווען זיינע מענטשן זענען זיך צוזאמגעקומען צו איהם, און ער פלעגט אסאך ארומרעדן דברי התעוררות והתחזקות לויט וויאזוי ער האט מקבל געווען פון רבי'ן. (זעה די בריוו וועלכע זענען געשריבן געווארן ארום די טעג פון שבועות, צב"ש; א' נשא תקצ"ב, א' בהר תקצ"ה, ד' נשא תקצ"ט, ערב שבת בהעלותך תר"ג, און נאך).

*נעתק ונערך ע"י י.י.*
*להערות והוספות נא להתקשר להמערכת*

צו באקומען דעם גליון, ווי אויך צו נעמען א טייל אין די הוצאות, אדער פאר סיי וואספארא הערות, פארבינדט אייך צו;
**Breslov.Kval@Gmail.com**
אדער רופט (ארה"ק); **072-224-2982**
(ארה"ב); **718-781-5030**